# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

תשפ"א | פרשת ויקהל פקודי | 374


## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### 700 ברכות יעדע וואך

"שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'" (לה ב)

עס שטייט אין ספר **'מטעמים החדש'** (עניני שבת אות כא): דער וואס איז מקפיד צו זאגן יעדן טאג די מאה ברכות, איז זוכה צו זאמלען אין לויף פון די זיבן טעג פון די וואך זיבן הונדערט ברכות, און דער נאמען 'שבת' איז אויף דעם מרמז; 'שבת' - איז ראשי תיבות: 'ת"ש [=זיבן הונדערט] ברכות', וואס ווערן נשלם אין דער טאג.

**רבי יצחק אברהם שלמה מְגַ'לֵד** פון די חכמי באגדאד לייגט צו אז אויך אין אונזער פסוק איז דאס מרומז: "שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי..." - 'ימים' איז גימטריה 'מאה'; אויב ענק וועלן זאגן מאה ברכות אין די ששת ימי המעשה און אויך אום שבת, דעמאלטס "יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ **שַׁבַּ"ת** שַׁבָּתוֹן לַה'" - אין דעם שבת וואס מיט ענדיגט מען די וואך וועלן ענק האבן **ת"ש ברכות**.

'צלח רכב'

### דאווענען אן א חשש פון גאוה

"וְהַמְּלָאכָה הָיְתָה דַיָּם לְכָל הַמְּלָאכָה לַעֲשׂוֹת אֹתָהּ וְהוֹתֵר" (לו ז)

עס איז באקאנט די שוועריקייט אז דער פסוק איז זיך אליין סותר; פון איין זייט שטייט: "וְהַמְּלָאכָה הָיְתָה דַיָּם" - אז עס איז געברענגט געווארן פונקט גענוג וויפיל עס האט אויסגעפעלט, און פון די צווייטע זייט: "וְהוֹתֵר" - עס איז איבערגעבליבן?

פון דא לערנט ארויס האדמו"ר **רבי יעקב צבי מפאריסאוו** א וואונדערליכער יסוד:

ווייל דער תכלית פון בויען א משכן איז געווען כדי עס זאל א פלאץ פאר השראת השכינה צווישן כלל ישראל, איז נישט גענוג געווען אז די אידן וועלן עס בויען ווי עס דארף צו זיין, נאר זיי האבן געדארפט ערמעגליכן אז די שכינה זאל קענען רוהען צווישן זיי דורך דעם וואס זיי וועלן זיך פירן מיט ענוה, ווייל חז"ל זאגן (זעה ברכות מג ב) המתגאה - כאילו דוחק את רגלי השכינה. דעריבער האט הקב"ה צוגעפירט אז די אידן זאלן ברענגען וועגן בויען די משכן מער פון וויפיל עס פעלט אויס, און דורך דעם האבן אלע אידן געהאט א צובראכן הארץ, ווייל יעדער האט געטראכט ביי זיך אפשר האט זיין נדבה נישט אויסגעפעלט אויף די מלאכת המשכן און ער וועט נישט האבן א שותפות אין די משכן.

דאס זאגט דער פסוק: "וְהַמְּלָאכָה הָיְתָה דַיָּם" - עס איז געטון געווארן בשלימות אויף אזא אופן אז די שכינה זאל קענען רוהען אין משכן, נאר צוליב וואס איז געווען "וְהוֹתֵר" - אז די אידן האבן געברענגט מער פון וויפיל עס האט אויסגעפעלט, און דורך דעם איז זייער הארץ נכנע געווארן און די שכינה האט געקענט רוהען.

אין פארבינדונג צו דער יסוד ווערט געברענגט די הנהגה פון האדמו"ר **רבי ירמיה מאויפעלע**, אויך אין א צייט וואס איז שווער געווען צוזאם שטעלן א מנין צו דאווענען בציבור, איז ער געשטאנען אויף דעם עס זאל זיין 11 מנענטשן, און האט זיך נישט באגענוגט מיט צען, ערקלערנדיג: "די חכמים זאגן (סנהדרין לט א): 'כל בי עשרה שכינתא שריא', און איך וויל נישט אז עמיצער פון די מתפללים זאל זיך גרויס האלטן אז ער האט א חלק אין די השראת השכינה, ווייל דורך גאוה ווערט א פגם אין די השראת השכינה".

'עטרה לראש צדיק'; מפי סופרים וספרים'

### שבת און 'אמן' ברענגען צו די גאולה

"אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם" (לה א)

אין מסכת ברכות (נג ב) זאגן די חכמים: "גדול העונה אמן יותר מן המברך", און מ'קען עס ערקלערן אזוי: ווייל 'אמן' איז ראשי תיבות 'א-ל מלך נאמן' (שבת קיט ב), קומט אויס אז אין די צייט וואס דער מברך דערמאנט נאר: 'א-ל מלך' [ביי דער נוסח הברכה], דער וואס ענטפערט אמן לייגט צו אויך דעם טיטול 'נאמן' וואס זיין משמעות איז - ער איז באגלייבט אז ער וועט אונז באלד אויסלייזן אזוי ווי ער האט אונז צוגעזאגט, און צוליב דעם איז דער מעלה פון דער עונה מער פון דער מברך.

ווען די אידן זענען באפוילן געווארן אויפן שבת אין אונזער פסוק, איז אין דעם אריינגערעכנט געווען דער חיוב צו גלייבן אין די גאולה - יום שכולו שבת. און וועגן דעם איז אין דער פסוק אויך מרומז דער ענין פון ענטפערן אמן וואס ווי געזאגט איז דאס דער סימבאל פון גלייבן אין די גאולה, די ווערטער "אֵלֶּה הַדְּבָרִים" איז גימטריה 297 אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן' מיט איר מילוי [אל"ף מ"ם נו"ן].

'בת עין'

### 'איזהו מקומן' - אזוי ווי זיי זענען געגעבן געווארן אויפן בארג סיני

"אֵת קַלְעֵי הֶחָצֵר אֶת עַמֻּדֶיהָ וְאֶת אֲדָנֶיהָ וְאֶת הַמָּסָךְ לְשַׁעַר הֶחָצֵר" (לט מ)

יעדן אינדערפריה, בעפאר מיר דאווענען שחרית פירן מיר זיך צו זאגן דעם פינעפטן פרק אין מס' זבחים - 'איזהו מקומן'. דאס עצם זאגן די פרק משניות יעדן אינדערפריה איז געבויעט אויף די גמרא (קידושין ל א) אז יעדער מענטש מוז יעדן טאג עוסק זיין אין אלע דריי חלקים פון די תורה: מקרא, משנה און גמרא (תוספות שם ד"ה לא צריכא).

די סיבה פארוואס מ'האט אויסדערוועלט דווקא דער פרק ערקלערט דער **הרא"ה**: "איך האב געהערט אז מ'לערנט דעם פרק ווייל אין דעם איז נישט דא א מחלוקת, און עס איז א קלארע משנה למשה מסיני". ד.מ., די גאנצע תורה איז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני, נאר אין לויף פון די יארן איז פארגעסן געווארן א טייל פון די זאכן און עס זענען געשאפן געווארן מחלוקת'ן און ספיקות וואס איז די פונקטליכע מסורה, אבער דער פרק איז געבליבן ארגינעל אזוי ווי עס איז געלערנט געווארן פאר משה אויפן בארג סיני און דעריבער אין נישט פארהאן אין דעם קיין מחלוקת.

מיט דעם האט דער **'תפארת ישראל'** ערקלערט די סיבה פארוואס אין דעם פרק שטייט: "ונאכלים לפני מן הקְלָעִים"[=ווענט געוועבט פון פלאקס], כאטש די משנה איז געשריבן געווארן נאכן אויפבויען די בית המקדש און אנשטאט די 'קלעים' וואס איז געווען אין משכן איז געבויעט געווארן די חומה ארום די עזרה. נאר דער פרק איז געבליבן ארגינעל אזוי ווי דער לשון וואס משה רבינו האט געזאגט אין מדבר - ווען עס איז געווען די קלעים.

'פירוש ההלכות להרא"ה' ברכות לא א [הביאו ה'בית יוסף' או"ח נ]; 'תפארת ישראל' זבחים יכין ה כד



דעם קומענדיגן פרייטאג הבעל"ט, ר' בניסן, געפאלט אויס די יומא דהילולא פון דער הייליגער רבי בעל 'שומר אמונים':

אויף די מדרש וואס זאגט (דב"ר ז א): **"אין גדול לפני הקדוש ברוך הוא יותר מאמן שישראל עונים"**, שרייבט דער רבי אין זיין ספר 'שומר אמונים' (מאמר פתחו שערים סוף פ"ג) אזוי: "און זאלסט באטראכטן דעם מדרש אן קיין גוזמאות חס ושלום, עס איז נישט פארהאן מער א חשובע זאך פאר ה' וואו ענטפערן אמן... ווער איז דען א קשה עורף וואס זעט די אלע זאכן און זיין הארץ צוגייט נישט ער זאל אכטונג געבן ענטפערן די אמנים?"

**ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## 'יהי רצון' נאך די ברכות השחר (ב)

### א עקסטערע שמירה 'מאדם רע'

אין די פארזעצונג פון די 'יהי רצון' נאך די ברכות השחר בעטן מיר פון הקב"ה ער זאל אונז ראטעווען: "מאדם רע, [מיצר רע], מחבר רע ומשכן רע". כאטש מיר האבן שוין אויף דעם געבעטן אין די פריערדיגע 'יהי רצון': "והרחיקנו מאדם רע ומחבר רע", אבער, אין די פריערדיגע 'יהי רצון' האבן מיר געבעטן נאך אויפן זעל, מיר זאלן נישט נאכגעשלעפט ווערן נאך די בעלי עבירה, און יעצט בעטן מיר אויף די קערפער, אז א 'אדם רע' אדער א 'חבר רע', זאלן נישט קענען שלעכט'ס טון פאר אונזער קערפער אדער פארמעגן (סידור 'צלותא דאברהם' עמ' סד).

האדמו"ר רבי אהרן מבעלזא ערקלערט אז אין די ערשטע 'יהי רצון' האבן מיר געדאווענט אויף די וואס מ'קען אויף זיי באמערקן זייער שלעכט'ס, אזוי ווי עס זעט אויס דער לשון "והרחיקנו" - וואס מיר דערקענען זיי, נאר מיר בעטן פון ה' ער זאל אונז העלפן זיך דערווייטערן פון זיי. אבער דא לייגן מיר צו א בקשה אויף די וואס זייער שלעכט'ס דערקענט זיך נישט, און דעריבער איז דער געפאר מיר זאלן זיך דערנענטערן צו זיי און אפלערנען פון זיי זייער גרויס, און אויף דעם בעט מען אז הקב"ה זאל אונז ראטעווען פון זיי ('פשט ועיון' ברכות טז ב).

רבי חיים פאלאג'י שרייבט אז ביי די בקשה 'והצילנו.. מאדם רע' זאל מען אינזין האבן מיר זאלן געראטעוועט ווערן פון אלע ערליי סארטן ארעמקייט וואס איז פאראן אויף דער וועלט. ווייל די ווערטער 'מאדם רע' זענען ראשי תיבות די זעקס נעמען פון א ארעמאן: 'מסכן, אביון, דל, מך, רש, עני' ('יפה ללב' ח"ב מו ח. וראה ויק"ר לד ו).

### אוי לרשע - אוי לשכנו

אויף די נידריגקייט פון 'שכן רע' האבן אונז די חכמי המשנה שוין אויסגעלערנט (אבות א ז): "נתאי הארבלי אומר הרחק משכן רע". אונזער חוב זיך דערווייטערן פון א 'שכן רע' איז נישט נאר כדי מיר זאלן זיך נישט אפלערנען פון זיינע מעשים, נאר אויך מיר זאלן נישט געשטראפט ווערן צוליב זייער זינד, אזוי ווי מיר טרעפן אין הל' נגעים אז מ'דארף צוברעכן א וואנט פון א 'בית המנוגע' אויך אויב פון די אנדערע זייט וואוינט א צדיק, ווייל "אוי לרשע - אוי לשכנו" ('אבות דרבי נתן' ט א; רע"ב אבות שם). וועגן דעם זענען מיר מייחד א עקסטערע בקשה מיר זאלן ניצול ווערן פון א 'שכן רע' ('אבודרהם' ברכות השחר).

אויף נאך א אופן ערקלערט רבי אהרן לעווין פון ריישא געבויעט אויף די משנה (שבת נד ב): "פרתו של רבי אלעזר בן עזריה היתה יוצאה ברצועה שבין קרניה שלא ברצון חכמים" [ווייל זיי האבן געהאלטן אז די רצועה ווערט פאררעכנט ווי א לאסט]. און אין גמרא (שם) איז ערקלערט אז עס איז קלאר אז רבי אליעזר האט נישט עובר געווען אויף די ווערטער פון די חכמים, נאר די קו איז געווען פון זיין שכנ'טע, "ומתוך שלא מיחה בה - נקראת על שמו". לויט דעם קען מען זאגן אז אויף דעם בעטן מיר: "והצילנו... משכן רע", ווייל ווען זיי טון שלעכטע זאכן קענען אנדערע טראכטן אז מיר האלטן ווי זיי און מ'וועט אונז באשולדיגן מיט זייער זינד ('ברכת אהרן' ברכות פ"ב מאמר קכח).

### א 'שכן רע' קען ווערן א 'שכן טוב'

אין די צייט וואס פון א 'אדם רע' און פון א 'חבר רע' קען מען זיך דערווייטערן און אפהאקן, איז אבער דער שלעכטער שכן א גאנצע צייט נעבן אונז און אויף דעם דארפן מיר א עקסטערע בקשה מיר זאלן ניצול ווערן פון אים ('ברכה ושלום' ח יג).

אין מסכת ברכות (י א) ווערט געברענגט אז אין די געגענט פון רבי מאיר האבן געוואוינט בריונים וואס האבן אים שטארק געטשעפעט, און ווייל ער האט געוואלט ניצול ווערן פון זיי האט ער געדאווענט אויף זיי זאלן שטארבן. האט אים געזאגט זיין פרוי ברוריה: אנשטאט דו זאלסט דאווענען אויף זיי זיי זאלן שטארבן, דאוון אויף זיי זיי זאלן תשובה טון.

האט ערקלערט רבי נפתלי כ"ץ בעל 'סמיכת חכמים' ('קדושה וברכה' שם) אז רבי מאיר האט נישט געדאווענט אפן און קלאר אז זיינע שכנים זאלן שטארבן, נאר ער האט געדאווענט אויף זיי די תפילה: "שתצילני... משכן רע". און ער האט געהאלטן אז די תפילה קען העלפן אויפן נארמאלן וועג נאר אין די צייט וואס דער 'שכן רע' איז נאכנישט געקומען וואוינען אין זיין געגענט, אבער די שלעכטע לייט וואס וואוינען שוין אין זיין געגענט און זיי טשעפענען אים, איז נישט פארהאן א וועג געראטעוועט ווערן פון זיי נאר דורך זייער שטארבן. אבער זיין פרוי ברוריה האט אים מחדש געווען אז אויך דערנאך וואס דער 'שכן רע' איז געקומען וואוינען אין זיין געגענט, קען מען דאווענען אויף אים ער זאל איבערגעדרייט ווערן אויף א 'שכן טוב', מיט דעם וואס ער וועט תשובה טון.

### שתצילני... ומפגע רע

דער 'אבודרהם' (ברכות השחר) טייטש אז די בקשה געראטעוועט ווערן 'מפגע רע' גייט ארויף אויף פארשידענע שוועריקייטן וואס קענען פאסירן דורכן טאג, אזוי ווי עס שטייט (משלי כז א): "כִּי לֹא תֵדַע מַה יֵּלֶד יוֹם". אבער עס זענען דא וואס טייטשן אז די בקשה גייט ארויף אויף א מזיק וואס מ'קען אים נישט רופן צו דין תורה, אזוי ווי מיר האבן געלערנט (ב"ק פז א): "חרש, שוטה וקטן פגיעתן רעה, החובל בהן - חייב, והם שחבלו באחרים - פטורין" (סידור 'צלותא דאברהם' שם).

נאך א טייטש איז דא, אז די בקשה איז אקעגן דעם יצר הרע, אזוי ווי מיר טרעפן אין גמרא (סוכה נב ב): "תנא דבי רבי ישמעאל: אם **פגע** בך מנוול זה - משכהו לבית המדרש". די באגעגעניש מיט אים איז די אנהייב פון די התעוררות צו די עבירה, און מיר בעטן אז שוין אין דער שטאפל זאלן מיר געראטעוועט ווערן פונעם יצר הרע (סידור 'ברכת אבות' עמ' יד).

דער צאנזער רבי בעל 'שפע חיים' איז אמאל צוריק געקומען פון אתרא קדישא מירון, דערנאך וואס ער האט אויסגעגאסן דארט זיין הארץ און געדאווענט א גאנצע נאכט. פארטאגס איז דער אויטא פון רבי'ן געווען אין די ארייננגאנג פון די 'רויטע שטאט' - חיפה, וואס אין יענע יארן איז עס געווען א פעסטונג פאר די לינקע פארטייען וואס זענען ווייט פון אידישקייט.

בעפאר זיי זענען אריין אין שטאט האט דער רבי געזאגט פאר זיינע באגלייטער: "א מענטש דארף זיך שטענדיג צוגעוואוינען צו זען אין יעדע זאך נאר דער גוטער חלק וואס איז דא. און האבן אויף דעם אויך מתקן געווען א ספיצילע תפילה: 'שתצילנו... מפגע רע', מיר זאלן קיינמאל נישט באגעגענען דעם שלעכטן חלק, נאר מיר זאלן שטענדיג זען די גוטע זאכן".

די ווערטער פון רבי'ן וואס האבן אויסגעזען אומפארשטענדליך, איז פאר זיי זייער שנעל קלאר געווארן, אנדערש ווי געראכטן, ווען זיי זענען אריינגעפארן אין די שטאט חיפה וואס ווי געזאגט איז עס באקאנט געווען אלץ סימבאל פון פיינטשאפט צו אידישקייט, האבן זיי די ערשטע זאך געזען דריי ערליכע אידן יראים ושלמים, משכימי קום, וואס איילן זיך צו גיין אין שול, ווען די טלית און תפילין בייטעל איז אונטער זייער ארעם, און יאגן זיך צו דאווענען שחרית ביי די נץ.

זעענדיג דאס האט דער רבי זיך אנגערופן מיט פרייד צו זיינע נאנטע: "ענק האבן געזען; ווען א מענטש וויל זען נאר גוט'ס, זארגט מען פון הימל ער זאל זען נאר גוט'ס..." ויהי לפלא ('לפיד האש' ח"ב עמ' תרנא).

**מאדם רע, [מיצר רע], מחבר רע** וואס קענען שעדיגן מיין קערפער אדער מיין פארמעגן **ומשכן רע** - איך זאל נישט געשטראפט ווערן צוזאמען מיט אים אויף זיינע זינד **ומפגע רע** - פון די פראבלעמען וואס קענען פאסירן דורכ'ן טאג.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## דער הויז וואס איז פארברייטערט געווארן דורך א 'חברותא'

דא איז פאר אייך א בריוו וואס איז געשיקט געווארן צו אונז ממש לעצטנ'ס דורך א חשובער און טייערער יונגערמאן וואס וואוינט אין צענטער פון ארץ ישראל, און דארט דערציילט ער די וואונדערליכע קייט פון די געשיכטע וואס האט צוגעברענגט א פלוצימדיגע ישועה צו אים אין שטוב - א דאפלטע כוונה - אין הענגט עס אן אין דעם וואס ער האלט ווייטער אן די אור-אלטן מנהג פון זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, אויך אין די תקופה ווען די שולן זענען פארשפארט געווען און די קול התפילה איז געהערט געווארן אין די 'חצרות בית ה'". דא איז פאר אייך די בריוו מיט קליינע וויכטיגע ענדערונגען:

לכבוד הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א און די שטאב 'בני אמונים'

איך שיק פאר אייך דער בריוו בדחילו ורחימו, מיט א התרגשות און א הודאה פאר הקדוש ברוך הוא, און מיט א עקסטערע הכרת הטוב פאר ענק, זיינע וואונדערליכע שלוחים, נאך וואס איך האב זוכה געווען צו א באזונדערע ישועה אין ענקער זכות, ווען איך בין ארויס פון א ענגשאפט נאך אסאך יארן פון ליידן און אנגעקומען אל המנוחה ואל הנחלה נאך אסאך יארן ווארטן.

בשעה טובה ומוצלחת האב איך צוזאמען מיט מיין פאמיליע זוכה געווען ענדיגן איבערבויען אונזער הויז. יעצט האבן מיר אונז אין אונזער הויז ברייט פלאץ פאר אונזערע אכט קינדערלעך וואס האבן זיך ביז יעצט צוזאם געפרעסט אין זייער שווערע באדינגונגען.

פון אונזער חתונה אן וואוינען מיר אין די הויז וואס מיר האבן געקויפט נאך די חתונה, אין גאנץ א קליינע הויז. אין לויף פון יארן האבן מיר זוכה געווען אז אונזער פאמיליע איז געוואקסן, און וואוינען אין די קליינע הויז איז געווען אומדערטרעגליך.

ווייל מיר האבן זיך צוגעוואוינט און מיר זענען זייער צופרידן געווען פון די געגענט וואו מיר וואוינען, האבן מיר נישט געוואלט אריבערגיין אין א ווייטע געגענט אזוי ווי אסאך האבן אונז געראטן, נאר ענדערשט האבן מיר געטראכט פון די אפציע פון אויסברייטערן די ביז יעצטיגע דירה.

פאר דריי יאר האבן מיר אנגעהויבן צו זארגן אויף די נויטיגע פאפירן מיר זאלן קענען צובויען און אויסברייטערן אונזער הויז, און נאך אסאך פלאג האבן מיר זוכה געווען אריבער גיין דעם שטאפל. יעצט האבן מיר געדארפט אריבער גיין נאך א שטאפל וואס אין אנהויב האבן מיר געטראכט אז דאס וועט זיין די גרינגסטע, דאס איז בעטן רשות פון די שכנים זיי זאלן ערמעגליכן די פלענער פון בויען.

דער געביידע וואו מיר וואוינען איז פאררעכנט ווי א סימבאל פאר שלום און פארגינען איינעם דעם אנדערן, אלע האבן צוגעשטימט מיט פרייד, אויסער איינער; דער שכן וואס וואוינט העכער מיר, א עלטערער און מכובד'יגער איד וואס האט שוין חתונה געמאכט אלע זיינע קינדער, האט נישט געהאט א אינטערעס צו פארברייטערן זיין הויז, און האט גע'טענה'עט אז דורכ'ן אויסברייטערן מיין הויז וועט דאס לעבן זיינע געשטערט ווערן, און האט זיך אקעגן געשטעלט.

איך בין אינגאנצן איבערראשט געווארן הערנדיג זיינע ווערטער, אבער איך האב ווייטער זייער אכטונג געגעבן אויף זיין כבוד. אין אנהויב האב איך אים פרובירט איבעררעדן און ערקלערן ווי וויכטיג פאר מיר איז דאס בויען, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן, דער מענטש איז געבליבן ביי זיינס. אלע שכנים האבן אויך פרובירט מיך צו העלפן אים איבעררעדן, אבער ער איז געבליבן הארט ווי ביז יעצט; "אויב ווילסטו וואוינען אין א גרעסערע הויז - גיי אריבער א אנדערע הויז" - איז געווען זיין ענטפער.

ווייל איך האב נישט געהאט א מעגליכקייט אריבער גיין אין א אנדערע הויז, און אויך די אפציע פון בויען אן זיך רעכענען מיט מיין שכן איז פסול געווען אין מיינע אויגן, איז מיר איבערגעבליבן נאר צו דאווענען פארן חונן לאדם דעת אז מיין שכן זאל ווייעך ווערן און ערמעגליכן מיר צו בויען.

איך האב יעדן טאג געדאווענט אויף דעם, און ווי פארשטענדליך האב איך ספעציעל אינזין געהאט ביי די 'יהי רצון' פון נאך די ברכות השחר: "שתצילנו היום ובכל יום... משכן רע". פארשטייט זיך אז איך האב חלילה נישט געהאלטן מיין חשוב'ן שכן פאר א 'שכן רע', אבער די ווערטער 'האט אין מיר אריינגעברענגט א הארה' צו בעטן דארטן אויף מיין שכן, זיין הארץ זאל גוט ווערן און מיר ערלויבן פארברייטערן מיין הויז.

אינצווישן איז אויף דער וועלט אנגעקומען די 'קאראנע' סעזאן. דער חצר פון דער בנין וואו איך וואוין איז אין א העלן טאג געווארן א 'חצרות בית ה'', און די איינוואוינער פון אונזער הויז און די געגענט ארום האבן דארט געדאווענט די דריי תפילות יעדן טאג.

אויך דער עלטערער שכן האט מיטגעדאוונט מיט אונז, און וויבאלד צוליב די אקטיוויטעטן פון 'בני אמונים' בין איך שוין א לאנגע צייט צוריק נתעורר געווארן מקפיד זיין יעדן אינדערפריה צו זאגן 'ברכות השחר' מיט א חברותא אין די שול וואו איך דאוון, האב איך יעצט געזוכט א נייע 'חברותא' אויף די תקופה. קווענקלדיגערהייט האב איך פרובירט אנטראגן דעם געדאנק פאר יענעם שכן, און איך האב זיך געפריידט ווען מיט התלהבות האט ער צוגעשטימט צו דער געדאנק.

מיר האבן אנגעהויבן זאגן יעדן אינדערפריה די ברכות השחר צוזאמען, און די 'חברותא' האט די דערנענטערט די הערצער, און מיר האבן אויך אנגעהויבן רעדן דא דארטן אויף אנדערע זאכן, און אויך אין די תקופה וואס דער שכן האט צוליב די ווערטער פון די דאקטורים באשלאסן נישט ארויסגיין פון שטוב, האט ער מיך געבעטן איך זאל קומען יעדן אינדערפריה צו זיין טיר כדי די 'חברותא' זאל זיך ווייטער האלטן. פון מיין זייט האב איך אכטונג געגעבן אים שיין באגריסן יעדן טאג און אים אנטראגן הילף יעדן טאג. פון מאל צו מאל איז ער געהאט הילף פון מיין פאמיליע איינצוקויפן זאכן און נאך פארשידענע שליחות'ן.

פאר ארום א האלבע יאר, בין איך איבערראשט געווארן צו הערן קלאפן אויף די טיר פון מיין הויז אין א פריע מארגן שטונדע. ביים טיר איז געשטאנען דער עלטערער שכן, און נאכן זאגן צוזאמען די ברכות השחר אזוי ווי אונזער שטייגער, האט ער ערקלערט זיין באזוך:

"שוין א לאנגע צייט וואס מיר ביידע זאגן די 'ברכות השחר' צוזאמען. עס קען זיין אז צוליב דעם און צוליב די שמועסן וואס מיר האבן צוזאמען פארברענגט האב איך דיך אמת'דיג דערקענט און איך בין פול מיט שעצונג פאר דיר מיט דיין פאמיליע. איך וויל דיר זאגן, אז לעצטנ'ס ווען איך ענטפער אמן נאך די ברכה 'שעשה לי כל צרכי' וואס דו זאגסט, פול איך זיך נישט באקוועם; ווער נאך ווי מיר ווייסט ווי גרויס איז די געדרענג ביי דיין קליינע הויז פאר דיר און דיין געבענטשטע פאמיליע.

נאך אסאך זיך וואקלען, קום איך יעצט צו דיר, דיר צו זאגן מיט א גאנצע הארץ אז איך צוזאמען מיט מיין בני בית האבן באשלאסן אראפנעמען אונזער אפהאלט פון צו בויען. אויסער דעם, ווייל איך ווייס ווי שווער עס איז פאר דיר צו בויען צוליב דיין פינאנציעלער צושטאנד, האבן מיר באשלאסן א טייל נעמען אביסל אין די קאסטן".

ווען ער האט געענדיגט זיינע ווערטער האט דער שכן אויסגעשטרעקט צו מיר א שיינע סומע פון אפאר טויזנט שקלים, א סומע וואס וועט מיר אוודאי העלפן אין די גרויסע הוצאות וואס האט מיך אפגעווארט.

דער שכן וואס האט נישט געוואלט זיך אויפהאלטן אינדרויסן פון זיין הויז האט זיך געאיילט צוריק אהיים גיין, און איך בין שאקירט געווען פון דער טויש וואס איז פארגעקומען אקעגן מיינע אויגן, האב איך קוים געקענט ארויסזאגן 'א דאנק', בעפאר ער איז אוועקגעגאנגען.

איך האב געזען אקעגן מיינע אויגן א וואונדערליכע השגחה פרטית; פון א הארטער קעגנער צו בויען, איז מיין שכן געווארן א טייל פון דעם. אין א העלן טאג איז אנגענומען געווארן די תפילה וואס איך האב געבעטן יעדן טאג ביי די 'ברכות השחר' מיט א חברותא, און איך האב זוכה געווען צו א 'שכן טוב'.

יעצט, דערנאך וואס מ'האט שוין געענדיגט די גאנצע בוי ארבעט און מיר האבן שוין א גרויסע הויז, האב איך יעצט גענומען אין האנט א פאפיר און א פעדער צושרייבן פאר אייך דער בריוו און ארויסברענגען פאר ענק די הכרת הטוב וואס איך פיל אנטקעגן ענק אויף דעם וואס ענק זענען געווען גוטע שליחים פון הימל מקרב זיין צווישן מיר און מיין שכן ביז צו די וואונדערליכע ישועה.

אויב יעדע יאר ווער איך נתעורר ביים זאגן די ברכה 'שעשה לי כל צרכי' ענק צו דאנקען אויף די שיך וואס ענק טיילן יעדע'ס יאר ערב פסח, איז יעצט צוגעקומען נאך א ספעציעלע לויב אין די ברכה - אין ענקער זכות!

מיט שעצונג און געפילן פון הכרת הטוב

ש. א

עיצובים shay